קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה

## מכ"ק מרן אדמו"ר זי"ע

פרשת

## כי תצא

יו"ל ע"י

**וועד להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל**
**שע"י קהל דברי יחזקאל שינאווא**

בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

שנת תשפ"ג לפ"ק

· **אידיש** ·

כל הזכויות שמורות

## כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וגו׳ וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר וְחָשַׁקְתָּ בָהּ וגו׳ וְגִלְּחָה וגו׳ וְעָשְׂתָה וגו׳ וְהֵסִירָה וגו׳ וּבָכְתָה וגו׳ וְאַחַר כֵּן תָּבוֹא אֵלֶיהָ וּבְעַלְתָּהּ וגו׳.

**א) רש״י** זאגט: **״ולקחת לך לאשה - לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע שאם אין הקב״ה מתירה ישאנה באיסור״** - די גאנצע סיבה פארוואס די תורה האט מתיר געווען חתונה צו האבן מיט איר, איז נאר ווייל די תורה האט געוואוסט, אז טאמער וועט די תורה דאס נישט מתיר זיין, וועט ער איר נעמען באיסור. דער לשון **״כנגד יצר הרע״** איז א לשון פון ׳התנגדות׳, וואס איז משמע, אז די תורה וויל דא צוברעכן דעם יצר הרע. אבער לכאורה איז שווער צו פארשטיין, וויאזוי ווערט דער יצר הרע נכנע דורכן מתיר זיין? טאמער די תורה וויל מכניע זיין דעם יצר הרע, וואלט די תורה געדארפט דוקא צוברעכן די תאוה און אסר׳ן דעם יפת תואר?

**ב) רש״י** פירט אויס: **״אבל אם נשאה סופו להיות שונאה שנאמר אחריו כי תהיין לאיש וגו׳ וסופו להוליד ממנה בן סורר ומורה לכך נסמכו פרשיות הללו״** - צום סוף וועט ער איר פיינט האבן און ער וועט האבן פון איר א ׳בן סורר ומורה׳. לכאורה איז שווער, פארוואס קומט אים אזא עונש פון א בן סורר ומורה? בשלמא אויב עס וואלט געבליבן אסור און ער נעמט איר באיסור, נו, וואלט זיך אים געקומען אן עונש, אבער דא האט דאך די תורה דאס מתיר געווען, נו, אז עס איז מותר פארוואס קומט זיך אים אן עונש דערויף?

**ג) אויך** קען מען פרעגן אויף די ווערטער פון רש״י. אויב די תורה האט איר מתיר געווען בלויז כדי מען זאל איר נישט נעמען באיסור, וואלט די תורה איר באלד געדארפט מתיר זיין? פארוואס מוז מען קודם אויספירן די אלע תנאים פון: ״וְגִלְּחָה וגו׳ וְעָשְׂתָה וגו׳ וְהֵסִירָה וגו׳ וּבָכְתָה וגו׳ ירח ימים״, און ערשט נאך די אלע הכנות פון א חודש צייט זאגט די תורה: ״וְאַחַר כֵּן תָּבוֹא אֵלֶיהָ״, וואס דאס ברענגט דאך לכאורה צוריק דעם חשש פון ׳ישאנה באיסור׳? בפרט לויט שיטת רש״י און נאך ראשונים - וועלכע האלטן אז אפילו ׳ביאה ראשונה׳ איז נישט מותר ביז ווילאנג מען טוט נישט די אלע

תנאים וואס די תורה פארלאנגט דא (און נישט ווי שיטת הרמב"ם (מלכים פ"ט ה"ב) אז די אלע תנאים זענען נאר נוהג פון 'ביאה שניה' און ווייטער) - איז דאך נאך שווערער, פארוואס האט די תורה נישט חושש געווען אז דאס וועט גורם זיין צום 'ישאנה באיסור'?

**ד) אויך** איז דא זייער שווער די קושיא פונעם **אור החיים הק'**, וואס ער וואונדערט זיך אויף דעם גאנצן ענין פון 'יפת תואר', אז דוקא ביי א מלחמה האט די תורה מתיר געווען מער ווי געווענליך, עס וואלט דאך געדארפט זיין פארקערט, אז בשעת א מלחמה - וואס עס איז א סכנה און מען נויטיגט זיך אין אסאך זכותים - וואלט מען געדארפט זיין מער נזהר פון עבירות ווי אין א געווענליכער זמן?

**ה) אין** מדרש שטייט (ילקו"ש רמז תקכד): **"על אויביך - כנגד אויביך"**. דארף מען צו פארשטיין די כוונה פונעם מדרש.

**ו) סוף** סדרה שטייט: **"זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם"**. זאגט רש"י: **"אם שקרת במדות ובמשקלות הוי דואג מגירוי האויב"** - טאמער דו האסט געשווינדלט מיט דיין מאס און וואג, זאלסטו זיין באזארגט פונעם פיינט וועלכער וועט ווערן אנגערייצט קעגן דיר. דארף מען פארשטיין, וואס איז די גרויסע הארבקייט פון 'מדות ומשקלות', עס איז דאך נישט ערגער ווי א געווענליכער לאו פון גניבה, גזילה און אונאה, נו פארוואס איז דאס אזוי הארב עד כדי כך אז דאס איז גורם אז עמלק זאל קומען אויף כלל ישראל?

**ז) ווייטער** שטייט: **"אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ"**. זאגט רש"י: **"אשר קרך בדרך - לשון מקרה**, א לשון פון 'אנגעטראפן'. דאס הייסט, אז עמלק האט זיך אנגעטראפן מיט כלל ישראל אונטערוועגנס. לכאורה דארף מען פארשטיין וואספארא טיפקייט ליגט עפעס אין דעם ענין פון 'מקרה', אז די תורה האט מקפיד געווען צו פארציילן דוקא דעם פרט צוזאמען מיט דער מצוה פון מחיית עמלק?

**עס** קען אפשר זיין אזוי, דער הייליגער **דברי חיים** זי"ע דא אויפן פסוק 'כי תצא', רעדט ארום באריכות פון דעם תורת כהנים (קדושים כ, כו): **"לא**

**יאמר אדם אי איפשי ללבוש שעטנז אי איפשי לאכול בשר חזיר אי איפשי לבוא על הערוה, אבל איפשי מה אעשה ואבי שבשמים גזר עלי כך"** - א מענטש זאל נישט זאגן איך וויל בכלל נישט טון די אלע איסורים וואס די תורה האט גע'אסר'ט, נאר ער זאל זאגן, אז בעצם וויל איך עס יא טון ווייל איך האב א תאוה דערצו, נאר די תורה האט עס גע'אסר'ט אויף מיר. זאגט דער דברי חיים א מורא'דיגן יסוד: דאס איז נאר געזאגט געווארן ביי א צדיק וועלכער האט נאך קיינמאל נישט געזינדיגט, אזא איינער זאל זאגן "אפשי", אבער איינער וואס האט שוין אמאל געזינדיגט, דארף ער תשובה טון מיט אזא מדריגה פון תשובה מאהבה, אז די גאנצע תאוה זאל ווערן פאר'מיאוס'ט ביי אים ווי א מיאוס'ע זאך; ס'איז כדאי נאכצוזאגן זיין הייליג לשון: **"שיהא התאוה נמאס באמת בעיניו כדבר מאוס וכו', כל זמן שאינו נמאס התאוה בעיניו הוא סימן שעדיין לא עשה תשובה כהוגן, דאם עשה תשובה כהוגן והוא בקדושה יכיר גודל שפלות ובזיון התאוות הגשמיות, ובתכלית אמתי הוא שונא לעבירות ותאוות"**.

**דער** דברי חיים גייט אריין דארט אין א לענגערן הסבר כדרכו הק'. אבער די ספרים זענען דאס מסביר על פי פשטות (עי' אגד"כ קדושים ד"ה ופרט, ובד"ה אל תפנו, ועוד), אז דער בעל תשובה וועלכער איז שוין דורכגעפאלן איינמאל מיט דער עבירה - מוז שוין שטיין ווייט דערפון און זאגן 'אי אפשי', כדי ער זאל נישט חלילה נאכאמאל נכשל ווערן, ווייל טאמער וועט ער זאגן 'אפשי', וועט ער מיט דעם אנרייצן דעם יצר הרע און נמשך ווערן נאכן חטא און נישט קענען אויספירן למעשה נישט צו זינדיגען נאר ווייל 'והתורה אסרתו'.

**מיט** דעם טייטשט דער דברי חיים: **"כי תצא למלחמה"** - ווען דו האלטסט מלחמה מיטן יצר הרע, זאלסטו וויסן **"על אויביך"** - ער איז דיין שונא! הייב נישט אן צו זאגן 'אפשי', נאר דו זאלסט תיכף זאגן 'אי אפשי', איך וויל נישט זינדיגן און דער יצר הרע איז מיין פיינט וואס ער וויל מיר צורעדן צו טון אנדערש ווי איך וויל באמת. און דעמאלט וועסטו האבן סייעתא דשמיא, **"ונתנו ה' אלקיך בידך"** - דער אויבערשטער וועט דיר העלפן זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות.

**לויט'ן** דברי חיים קען מען אויסטייטשן ווייטער די אלע פסוקים פון דער פרשה אויף דעם אופן. די תורה רעדט צום בעל תשובה, **"וחשקת בה"** - טאמער דו וועסט האבן א חשק צו איר, דאס הייסט, אז דו גייסט מיט דעם מהלך פון 'אפשי בה והתורה אסרתו', זאלסטו וויסן אז דער מהלך טויג נישט פאר דיר, ווייל דו ביסט דאך א בעל תשובה, דו דארפסט דוקא באלד זאגן 'אי אפשי' און ממאס זיין דעם רע, דעריבער דארפסטו זען צו אויסרוימען פון דיר דעם חשק אינגאנצן! נישט נאר דו זאלסט עס נישט טון ווייל די תורה לאזט נישט, נאר דו אליינס זאלסט זיך פאר'מיאוס'ן פון די עבירה! דעריבער הייסט די תורה אז מען זאל טון די אלע פעולות פון **"וגלחה"**, **"והסירה"** וכדומה, וואס דורך די אלע הכנות וועט זי ווערן פאר'מיאוס'ט, ביז דער מענטש וועט טאקע באמת ארויסגיין פונעם רשות פון יצר הרע. און נאר דעמאלט איז די תורה דאס מתיר, ווייל דעמאלט וועט ער איר שוין נעמען מיט א הויכע מדרגה און מיט א געוואלדיגע קדושה.

**קומט** אויס, אז דער דברי חיים האט דא געטויטשט די גאנצע הבנה אין דער פרשה, אז מען רעדט נישט דא פון איינעם וואס ער וויל זיך נאכגעבן די תאוה און ער זוכט א היתר, און אויב ער וועט נישט טרעפן קיין היתר, וועט ער עס טון באיסור, נאר פארקערט, **"במלחמת הרשות הכתוב מדבר"** - די תורה לערנט דא אויס א הויכן דרך וויאזוי מלחמה צו האלטן מיט 'ענייני רשות', מען רעדט דא פון א דערהויבענער איד, א קדוש, וואס ער וויל זיך אויסארבעטן אין קדושה, און די תורה גיבט אים א דרך אין עבודת ה', א געוואלדיגע הויכע עבודה, אז ער זאל טון די אלע פעולות, ביז ער וועט אינגאנצן עוקר זיין די תאוה און זיך פאר'מיאוס'ן צו טון אנדערש ווי דעם רצון ה'.

**דאס** קען זיין די כוונה פון רש"י: **"לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע"** - אז דער ענין פון "וגלחה", "והסירה" וכדומה איז נאר כדי צו צוברעכען דעם יצר הרע אז דער מענטש זאל קומען צו א מדרגה פון ממאס זיין דעם רע בתכלית, ווייל **"שאם אין הקב"ה מתירה"** - טאמער וואלט די תורה נישט געהייסן קודם טון די אלע פעולות איר מתיר צו זיין, וואס דורך זיין גרויסע

עבודה ווערט דער יצר הרע פאר'מיאוס'ט ביי אים[א] נאר ער וועט בלייבן מיט דער תאוה און זאגן 'אפשי והתורה אסרתו', דעמאלט **"ישאנה באיסור"** - וועט ער צום סוף דורכפאלן מיט א איסור ממש; ווי דער דברי חיים זאגט, אז דער מהלך פון 'אפשי' איז נישט קיין מהלך פאר א בעל תשובה וועלכער איז שוין אמאל דורכגעפאלן.

**דאס** קען זיין פשט אין מדרש: **"כי תצא למלחמה על איביך - כנגד איביך"**. דער לשון 'כנגד' ברענגט שטארקער ארויס דעם ענין פון 'התנגדות'. דאס זאגט דער מדרש: די תורה לערנט אונז דא, אז אויב איז דא א "וחשקת בה", דעמאלט איז נישט דער מהלך פון זאגן: "התורה אסרתו - איך טוה דאס נישט ווייל די תורה לאזט מיר נישט". נאר די תורה זאגט דא: "ניין! דו מוזט ארויסגיין און דירעקט מאכן א מלחמה מיטן שונא! דו מוזט נעמען דעם שונא און אים ממאס זיין בתכלית! דו מוזט נעמען דעם 'רע' און עוקר זיין אינגאנצן, ביז עס וועט בלייבן נאר 'טוב'!".

**לויט** דעם ווערט אבער זייער שווער דער אויספיר פון רש"י: **"אבל אם נשאה סופו להיות שונאה שנאמר אחריו כי תהיין לאיש וגו' וסופו להוליד ממנה בן סורר ומורה"**. לכאורה לויט ווי מיר רעדן דא, קומט דאך אויס, אז דער פסוק רעדט דא פון אזא קדוש וואס ער איז עוסק אין אזא געוואלדיגע עבודה און אזא הויכן דרך וואס מיר האבן גארנישט קיין השגה אין דעם, דאס איז דאך ממש אן עבודה פון **"אוהבי ה' שנאו רע"**, אז ער איז אינגאנצן מבטל די תאוה און ער האט פיינט דעם רע, נו, ווי קומט דאס אזוינס אז צום סוף זאל גאר ארויסקומען פון דעם א סורר ומורה? פון אזעלכע אידן וואס זענען עוסק אין אזעלכע הויכע זאכן, וואלט דאך געדארפט ארויסקומען קדושים וטהורים?



---

א (און דאס קען אויך ליגן אינעם ווארט 'היתר', אז די תורה בינדט אויף די אלע שטריקן פון דער תאוה וואס דער מענטש איז צוגעבינדן דערצו, און דעמאלט ווערט עס טאקע אויך 'מותר' כפשוטו

**נאר** דא ליגט א מורא'דיגער מוסר השכל. רש"י זאגט דאך: "במלחמת הרשות הכתוב מדבר", עס איז נישט קיין חיוב צו האלטן דער סארט מלחמת היצר, פון זיך ארייננברענגען אין א נסיון פון א יפת תואר און מוזן ארבעטן אויף זיך צו ממאס זיין דעם רע, מען דארף גיין מיט שמירת עינים און בכלל נישט זען קיין 'יפת תואר', און אויב אזוי, איז דאך דא א מורא'דיגע טענה אויף אזא מענטש: פארוואס גייסטו אריין אין אזעלכע פלעצער? טראץ דיינע אלע חשבונות פון צושטעלן א הויכע עבודה פון ממאס זיין דעם רע בתכלית און אויפטון מורא'דיגע זאכן, אבער פארוואס טראכסטו נישט אריין, וואס וועלן דיינע קינדער און דיינע דורות זאגן? וואס וועט דיר העלפן אלע דיינע הויכע חשבונות, בשעת ווען א קינד ווייסט נישט וואס דו האסט אין הארץ, ער ווייסט נישט פון דיין הויכע עבודה! 'האדם יראה לעינים', ער זעט נאר ווי דו ביסט געגאנגען אין א פלאץ - וואו דו וואלסט זיך געקענט צוריקהאלטן פון גיין! עס איז נישטא קיין שום תירוץ אויף דעם! דו ביסט מפקיר דיינע קינדער!

**דאס** זאגט רש"י: **"אבל אם נשאה"** - טאמער דו האסט איר יא גענומען, אפילו אויפן בעסטן און הייליגסטן אופן - וואס דו ארבעטסט אויף דיר פיינט צו האבן דעם 'רע' ווי די גרעסטע בני עליה, **"סופו להוליד ממנה בן סורר ומורה"** - וועט נישט ארויסקומען קיין גוטס פאר די דורות דיינע! ווייל דו וואלסט געדארפט טראכטן - נישט בלויז פונעם איצטיגן תיקון - נאר אויך פון שפעטער, וואס וועט ארויסקומען פון דער פעולה וואס איך טוה דא? וואס וועלן מיינע קינדער און מיינע דורות זיך אפלערנען פון דעם? עס קען זיין די בעסטע און העכסטע זאך, אויב אבער דו מאכסט נישט קיין חשבון וואס עס וועט ארויסקומען פון דעם איז זייער ביטער.

**דאס** קען אויך זיין דער ענין פון עמלק, וואס די תורה זאגט: **"אֲשֶׁר קָרְךָ"** ווי רש"י זאגט: **"לשון מקרה** דאס הייסט, אז די גאנצע שליטה פון עמלק איז נאר, דורכדעם וואס א מענטש טוט א זאך 'דרך מקרה' נישט ארייננעקלערט און נישט דורכגעטראכט, דו ביסט עוסק אין מאדנע זאכן - טאקע מיט גוטע כונות - אבער אנדעם וואס דו זאלסט אריינטראכטן מיט אן ערנסטקייט וואס עס וועט ארויסקומען דערפון פאר דיינע דורות און פאר אלע דיינע ארומיגע וואס קוקן זיך צו וואס דו טוסט, ריכטיג טאקע אז

״ה׳ יראה ללבב״, אבער ״והאדם יראה לעינים״ זיי ווייסן נישט און פארשטייען נישט דיין הויכע עבודה.

**מיט** דעם פארשטייט מען זייער גוט די ווערטער פון רש״י: **״אם שקרת במדות ובמשקלות הוי דואג מגירוי האויב״**. דער ענין פון ׳מדות׳ און ׳משקלות׳ קען זיין; ווי די גמרא זאגט (ב״ב ע״ח:): **״בואו חשבון, בואו ונחשוב חשבונו של עולם, הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה״**. דאס הייסט, אז דער מענטש דארף מעסטן יעדע זאך וואס ער טוט - אפילו אויב עס איז א געוואלדיגע הייליגע עבודה - צו מאכן דעם חשבון צי עס קען ארויסקומען דערפון א הפסד פאר די קינדער, און טאמער קומט אויס אז דאס טויג נישט פאר די דורות און פאר די אלע ארומיגע - זאל ער עס נישט טון, אפילו אויב עס איז די העכסטע זאך; ווי חז״ל זאגן: ״ביטולה זהו קיומה״. אבער אויב א מענטש איז ׳משקר׳ אין די ׳מדות ומשקלות׳, און ער מאכט זיך נישט קיין ריכטיגן חשבון - איז דאס גורם דעם ׳גירוי האויב׳, אז דער יצר הרע האט שוין א וועג אריין צו די ׳נחשלים אחריך׳, זיי צו צורעדן צו טון דיינע מעשים - אן דיינע הויכע כונות, און דורכדעם איז ער זיי מכשיל חלילה.

## היוצא לנו מזה:

**[עס]** קען זיין, [אז] ׳אלול׳ איז א לשון [פון] ׳קוקן׳, עס שטייט [בתרגום אונקלוס]: **״ואלילו יתה״** (דברים א, כד) - זיי האבן איר אויסגעקוקט. דער תכלית פון דעם אלול איז דער פשט, דאס איז אן ענין פון ׳קוקן׳, דורכצוקוקן זיך [אליינס] און דורכצוקוקן זיינע דרכים, ער זאל זיך אדורכקוקן. [ביי יעדע זאך] וואס ער טוט, זאל ער געבן א טראכט פריער א מינוט: ״עס איז טאקע גוט? עס האט א שלימות?״.

**[די משנה זאגט]: ״איזוהי דרך [ישרה] שיבור לו האדם״**, עס זאל זיין **״תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם״** (אבות ב, א), וואס איז דער פשט? פארוואס דארף דאס זיין ״תפארת לו מן האדם״? כדי עס זאל זיין אויסגעהאלטן! אז מענטשען זאל זיך נישט פון דיר ארויסלערנען חלילה קיין שלעכטע זאך! דו

זאלסט טון זאכן וואס עס זאל זיין 'תפארת לו מן האדם', אז דער מענטש כאטש דו מיינסט דאס 'לשם שמים', "[תפארת] לעושיה", אבער פונדעסטוועגן זאלסטו זען, אז עס זאל זיין [אויך] "תפארת לו מן האדם", אז עס זאל נישט חלילה זיין קיין מכשול פאר א צווייטן.

**דאס** איז דער יסוד פון א איד ביי יעדע זאך, ביי יעדע תנועה דארף ער טראכטן: "וואס וועט ארויסקומען". און כל שכן פארשטייט זיך, ווען א איד גייט אין דער גאס, ער דארף דאך פרנסה וכדומה, אבער מ'דארף שטארק טראכטן וואס וועט ארויסקומען דערפון.

**איך** זאג דאס אסאך מאל נאך פון **רבי מיכאל בער ווייסמאנדל** זכרונו לברכה, ער האט אמאל געזאגט: "איז שוין עמיצן איינגעפאלן צו טראכטן, אז ארויסצוגיין אין בעדפארד עוועניו - האנדלט זיך פון אזא שאלה פון 'יהרג ואל יעבור' - 'אביזרייהו דעריות'". דעמאלט איז געווען בעדפארד די בעסטע, פארשטייט זיך, [אבער] היינט, איז דאך נעבעך [די גאסען] אסאך מער און מער [פרוץ]. איז א מענטש וואס ער גייט ארויס [אויף אזעלכע מקומות], דארף ער וויסן: "אוי, רבונא דכולא עלמא, באמת טאר מען דאך נישט גיין! [אויב] איך זאל וועלן מקיים זיין די תורה 'כפשוטו' - רעדט מען דאך דא רחמנא ליצלן א פראגע פון א נושא פון 'יהרג ואל יעבור'!".

**בפרט** צו גיין אהין אויף יענע מקומות, [איז דאך א קושיא]: "וואו קומסטו אהין? וואו מעגסטו דארט גיין? עס וועלן זיך דאך אפלערנען חלילה די קינדער?". דער תירוץ איז - פארשטייט זיך: "מען דארף פרנסה! מען דארף פרנסה!". אבער **"לא תונו איש את עמיתו"** [ב] טייטש דעם 'אמת'! אפילו ווען מען גייט דארט ווייל מען דארף אויף פרנסה, דארף מען דאך אבער זען וויפיל עס איז מעגליך אין דיינע כוחות, [אז] דו זאלסט זיך מונע זיין חלילה



ב ויקרא כה, יז. ועי' בספר רמתים צופים ו, כא בזה"ל: "שמעתי מהרה"ק וכו' ר' הירש משרת מרימנאב שאמר לחביריו אחרי פטירת הרב מראפשיץ ז"ל. "ולא תונו איש את עמיתו", שמתחלף העי"ן באל"ף, שהצדיק לא יאנה האמת שבלבו".

פון א 'דבר איסור', פון א 'הסתכלות' וכדומה, פון 'מחשבות' - דאס ביזטו דאך מחויב! דאס האט דאך שוין נישט צו דיין פרנסה!

**אודאי** ביזטו אין א מקום נסיון, עס איז ביטער. בעוונותינו הרבים האט מען אונז אריינגעברענגט אין אזעלכע מצבים, וואס מען דארף ממש דארט "מוציא -זיין- יקר מזולל" (ירמיה טו, יט). ער זאגט דער **צמח ה' לצבי:** אמאל פירט מען א מענטש ער זאל גיין אויף אזעלכע מקומות וואס ער דארף דארטן [האבן א] ספעציעלן 'מלחמת היצר'.

**און** אז דער אייבערשטער העלפט - האט מען שוין געקעדט אסאך מאל - אז א מענטש איז זיך טאקע מתגבר און ער גייט מיט 'יראת שמים', און ער פארגעסט נישט דעם "**ולא יראה בך ערות דבר**" (דברים כג, טו), דער אייבערשטער איז "**אלקיהם שונא זימה**" (סנהדרין קו.) - ווייסט ער: "אויב איך הייב אויף דעם אויג, בין איך רחמנא ליצלן אין תהום! איך בין עובר רחמנא ליצלן אזעלכע שווערע ביטערע עבירות!". און ער גיבט א טראכט, [ער איז מקיים דעם] "**הוי מחשב**" - איז נישט קיין ספק אז ער וועט אסאך אסאך איינבערענגען (-פארשפאָרן) זיך און מונע זיין חלילה פון רע!

**און** ממילא אויב אזוי, איז דאס א בחינה פון "**בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו**" (מכות י:), "**אדם מקדש עצמו מלמטה - [מקדשין אותו] מלמעלה**" (יומא לט.), האט ער סייעתא דשמיא. און דעמאלט - דער איד וואס גייט ווי א איד דארט - דאס ווייסן די קינדער! די אלע וואס קערן צו אים, פילן דאס און ווייסן דאס, און זיי זעען דאס אינדערהיים - וויאזוי דער טאטע איז געגאנגען אין דער גאס! עס איז נישט קיין שום ספק, אז דער גאנצע ענין וויאזוי מען גייט אין דער גאס - זעט מען טאקע וויאזוי [ער זעט אויס] אין דער שטוב! במילא, דעמאלט פארשטייט זיך, איז פונקט פארקערט, קומט נאר ארויס פון דעם, קינדער 'קדושים' - דער היפוך פון 'סורר ומורה' - קינדער וואס זענען עובדי ה'.

**על** כל פנים, ווער שמועסט נאך אין דעם חודש אלול, מיר האלטן שוין 'חצי אלול', עס גייט שוין און קומט שוין נענטער צו די הייליגע ימים טובים. און דער אלול אליין פאר זיך, יעדער טאג פון דעם אלול [איז הייליג]. זאל מען זיך על כל פנים [נעמען אין באטראכט]. ער זאגט דאך דער **עבודת**

**ישראל:** "באחד תשרי מעשר בהמה" (ר"ה ב.) [ג]אבער ער זאגט, אז אזויווי עס איז א מחלוקת, [איז] אבער אלול, איז מען נאך א שטיקל מענטש - אויב מען האט זיך אינזין אלול. און ממילא איז דאס א זמן נישט דורכצולאזן [קיין] איין טאג אין אלול אן א 'הרהור תשובה'.

**דאס** איז דער פשט: "**אשר קרך בדרך**", איז דער פשט, אז עס [טאר] נישט [זיין] קיין מקרה! דו זאלסט וויסן, אז דו דארפסט צו זען [וואס וועט ארויסקומען דערפון], און אויב חלילה מען טראכט נישט וואס גייט ארויסקומען פון דער זאך, דאס איז דער ענין פון 'מקרה'. אבער אז מען טראכט וואס וועט ארויסקומען, און מען ווייסט זיך צו היטן, דאס איז דער 'מחיית עמלק'! מיט דעם איז מען מוחה דעם עמלק.

**און** בפרט אין אלול - איז דא סייעתא דשמיא פאר יעדן איד! איז דאך דאס א זמן, וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א חודש פון 'רחמים'! יעדער איד, עס איז נישט קיין ספק, יעדער איד - יהיה מי שיהיה - איז דא [אין אים א] ניצוץ און א חיות אין דעם אלול, וואס דאס זאל אים מחזיר זיין בתשובה, און מען זאל קענען זיך צוגרייטן צו די הייליגע טעג! [מען זאל] קענען עפענען א מויל און רעדן פארן אייבערשטן! אז עס זאל זיין עפעס 'דברים היוצאים מן הלב'! קען מען דען דאס צוגיין אזוי סתם? חלילה [אויב] מען קומט פון א גאס, איז דאך זייער שווער צו רעדן דיבורים אזויווי עס ברויך צו זיין. על כל פנים, יעצט איז דער זמן פון אלול, אדורכצוקוקן 'זיך', און זען טאקע זיך מתאמץ זיין.

**מען** זאל נישט מיינען: "איך בין דאך נעבעך אינגאנצן אזוי ווייט פון דער קדושה, ווי הערט מען אויס מיין ווארט? ווי הערט מען אויס מיין לערנען און מיין דאווענען?", רחמנא ליצלן [דאס איז ממש] די 'מעשי יצר הרע', וואס [עס] ווערט געברענגט אין די ספרים, אז דאס איז רחמנא ליצלן 'כפירה', [אזוי] זאגט דער **קדושת לוי** (פר' עקב ד"ה ועתה ישראל). **נאר** יעדער מענטש זאל וויסן, אז עס איז נישט אזוי! וואס דו ביזט [נאר] - אבער מען ווארט אויף דיין 'תנועה של קדושה'! [יעדעס מאל וואס דו זאגסט] א

---

ג בדרך רמז, אז דער וואס הייבט אן תשובה צו טוהן בלויז ווען עס קומט שוין ראש השנה, איז א מדרגה פון א בהמה.

קאפיטל תהלים, א ווארט, א שטיקל גמרא, און א גוטן 'טראכט' - צו דעם אלעמען, א 'טראכט' ווען דו לערנסט, אז עס זאל נישט זיין חלילה (תהלים נ, טז): "**ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי**" - דאס איז חשוב, דאס איז אנגענומען און מען ווארט אויף דעם.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, [ער זאל] ארייננעבן אין אונזערע הערצער א לעכטיגקייט און נאנטקייט, אז מען זאל דערנענטערט ווערן. מען זאל קענען זאגן דיבורים אין אלול און אין די הייליגע ימים טובים, "**כי לא ידח ממנו נדח**" (שמואל ב יד, יד). זאל מען זוכה זיין טאקע צו דאווענען און צו לערנען. זאל מען זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטן מיט אן אמת, מיט 'עפעס אן אמת' לכל הפחות. און מען זאל מיר זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר, יעדער איינער בכלל און בפרט, מען דארף ישועות אן א שיעור, דער אייבערשטער זאל זיך מרחם זיין עס זאל שוין קומען די גאולה שלימה, און אידן זאלן געהאלפן ווערן ברוחניות ובגשמיות, עס זאל נתגלה ווערן כבוד שמים במהרה בימינו, אמן.